ICOR LIBRARY Number 16

# HITLER OR STALIN?

By DR. CHAIM ZHITLOVSKY

Published by the "ICOR"

New York, 1938

Second Edition - - - 30,000 Copies Price: One Cent

# HITLER OR STALIN ?

By DR. CHAIM ZHITLOVSKY

The unexpected turn in England's international politics, which led to Eden's resignation, entails the danger of a conflict between Germany and the Soviet Union, if not, indeed, a world war. Several American newspapers in the West have already predicted that such a war is imminent, and that it is merely a question of several months before it occurs.

Naturally we do not believe in auguries, even when they are announced by the most respected newspapers in the East.

But the danger of a war between Germany and the Soviet Union hangs in the air nevertheless, thanks to the new drift in British politics.

Officially England is supposed to be still striving to renew the Locarno pact which Germany has renounced. According to the four great powers of Central and Western Europe—England, France, Germany, and Italy—they solemnly take it upon themselves to prevent the shedding of even a single drop of blood during the next decade. But it is an open question, as to whether human blood generally or the human blood which pulsates between Germany's eastern boundary and the Western European coast is meant.

Just this open door is an invitation to the above-mentioned dangerous eventuality. England wants to insure peace in Central and Western Europe, and in the Mediterranean. Britain seems to feel that this peace has to be ransomed, as though it were a hostage in the hands of Hitler and Mussolini. With Mussolini alone, one might perhaps reach a peaceful understanding, which shall not contain in it the possibility of a war in the East. But what

about Mussolini's partner, Hitler?

During the last few years Hitler made two proposals in his two most important political speeches—both clearly addressed to England and France. The present master of the world's peace gives them a choice. In the first speech he demanded that he be given the Ukraine, in return for which he will leave the world unmolested. But France *and England (under Eden) replied with an emphatic "No."* So he put forth his second proposal: If not the Ukraine—return our German colonies.

Actually Hitler wants quite a number of things: not only the colonies, but parts of the Soviet Union, Austria, the *German provinces of Czechoslovakia, and a little more for* dessert. (Since this article was written, new developments have made Hitler virtual master of Austria. —Editor's note.) But in the meantime he will agree to accept one of two things: either colonies or expansion in the East. Which of these is England, under Chamberlain's conservative direction, ready to grant?

To return the colonies would weaken the British Empire. To permit Germany to engulf parts of the Soviet Union would weaken England's "hereditary enemy," Russia. It is therefore clear, which pan of the scale in Chamberlain's political calculations is to be tilted.

It is true that France's calculations are entirely different. Chautemp has already declared, in the name of France, that her pact with the Soviet Union and Czechoslovakia will not be relinquished. But the internal situation in France is an undetermined one. In no other people is the natural craving for peace as great as in the French. One should not, therefore, disparage them. But they should be considered very carefully.

Should Chamberlain's horse trade with Hitler (of the

latter relinquishing all claims to the colonies, in return for a free hand in Eastern Europe) succeed, and should he (Chamberlain) say to France: Accept these terms or go your own way—there would surely be the danger that popular feeling among the people would discard the present government which is disposed to be friendly toward the Soviet Union, and replace it with a government which would accept the proposal, as long as it is veiled in meaningless phrases concerning the interests of general peace throughout the world.

At that time a war between Germany and the Soviet Union would most certainly be imminent.

What shall OUR attitude be in this situation? And by "our" I mean, first of all, our attitude as Jews. Will we once again become "pro-German," as once upon a time, during the world war?

Even the mere thought of such a thing is hopelessly removed from sanity. "Pro-German?" "Pro-Hitler?" But remember: in these insane times nothing is too insane to be impossible. Listen to the voices of our press, in regard to the Soviet Union. Has not, in fact, our press already declared war against the Soviet Union, because of its opposition to the Stalin regime? Has not Stalin, instead of Hitler, been declared "public enemy number one?" Not far removed from this is the angry outburst of "Serves him right!"

And should this anger be modified, our stand might be: "We are against all wars of aggression. But after all, this is a war of one dictator pitted against another. Why should we risk our skins for the triumph of one or the other despot? Isn't Stalin the same as Hitler?" And the capitalist element has long ago accepted the notion that a Hitler is preferable—oh, very preferable—to Stalin.

Such a position on the part of the Jews would be the

greatest insanity, the greatest betrayal of our people's interests. But our press, through its fanatic blindness, IS BENDING EVERY EFFORT TO PREPARE THE GROUND FOR THIS ATTITUDE.

And right now is the time to warn that world politics is being driven more and more to face the alternative of either Hitler or Stalin. No other way out is evident. To remain neutral in this historic conflict is impossible. If we have the interests of our people at heart, we must at present be not only anti-Hitler, but pro-Stalin.

Do not forget: should a war against the Soviet Union occur, its enemies will undoubtedly include such fraternal states as Hitler's GERMANY, Rydz-Smigly's POLAND, King Carol's RUMANIA, and, as an additional portion, overly humane Japan. And against what nation will this esteemed combination be pitted? Against a country where anti-Semitism is officially proscribed; where our people have not only equal, civil and political rights, but also equal national rights; where a large territory has been designated for the establishment of an autonomous Jewish republic; and where the government is using every means in its power, so that the Jewish republic may develop as quickly as possible.

We surely cannot blame the Soviet government because we Jews, twisted out of shape by an ideology of assimilation, do not avail ourselves, with all the energies at our disposal, of that provision for an autonomous Jewish state which the Soviet government has presented (regardless of who is at its head—a Lenin, a Stalin or anyone else). Nor should we lose sight of the fact that the development of minority rights, for us Jews as well as for other nationalities in the country, is due primarily and principally to Stalin himself.

How can we Jews take the stand that Hitler and Stalin are cut from the same cloth? If these two historic figures (and I hope I may be forgiven for mentioning both in the same breath) were stood up before the entire Jewish people; if every Jew turned to them with the question: Are you our friend or foe—what answer could a Jew expect from one or the other? We may have complaints and criticisms concerning Stalin, accordnig to the dictates of our respective political allegiances and social status; according to our general humanitarian morals, in a period of one of the greatest revolutions in the world. But if a Jew has the interest of his people at heart first of all, he will answer the question of Are you our friend or foe—without hesitation. With respect to Stalin, he will say: You belong with the friends of our people, and we are therefore obligated to help you in your fight against OUR ENEMIES, who are YOUR ENEMIES as well.

And this question of Are you our friend or foe, the Jews should also put to the Jewish press, and to Jewish public opinion. It is now high time for an honest consideration of whether the Jewish press has the right to prepare the groundwork (even if it is only in the minds and hearts of Jews) for the triumph of Hitler over Stalin.

---

## A BETTER ANSWER TO THE JEWISH QUESTION COULD NOT BE IMAGINED

By DR. CHAIM ZHITLOVSKY

The tenth anniversary of Biro-Bidjan is most certainly the foremost event in the modern history of the Jewish people.

The creation of a Jewish autonomous territory in the

Soviet Union, and the opportunity for a native Jewish republic in that country, serves as an example of how the Jewish question ought to be solved in all countries containing large populations of Jews.

A state with a concentrated Jewish population, with an autonomous government, and freedom to work and build a social and economic life; a state consisting of its own Jewish towns and cities, a native agrarian economy, and its own industries! A settlement where Yiddish is the official language of the entire area; a state which does not stifle the cultures and languages of non-Jewish groups, but gives to all the opportunity to live and develop their respective national lives! For this purpose no better answer to the Jewish problem can be pictured in all the civilized lands throughout the world, than a Biro-Bidjan.

Such a solution is the surest protection against anti-Semitism, and against assimilation. It is probably the most potent prerequisite for national self-preservation, and for unhampered national growth.

That is why all Jews throughout the world should be interested in the development of Biro-Bidjan, and see to it that this growth shall proceed as rapidly and as fully as possible. Let Biro-Bidjan become, in the next five or ten years, the true "Promised Land," a true example for all nations and all lands containing large numbers of Jews, of how, in a humane and fraternal fashion, the long overdue debt incurred by generations of suffering may be repaid with justice to the Jews.

(Reprinted from "Nailebn")

איקאָר-ביבליאָטעק נומער 15

# היטלער אָדער סטאַלין?

פון דר. חיים זשיטלאָווסקי

צווייטע אויפלאַגע — 30,000 עקזעמפּליאַרן

אַרויסגעגעבן פון „איקאָר"

ניו יאָרק, 1938

פּרייז — 1 סענט

204

# היטלער אָדער סטאַלין

די אומדערוואַרטעטע ווענדונג אין ענגלאַנד'ס אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס האָט געפירט צו אידען'ס רעזיגנאַציע, טראָגט מיט זיך די געפאַר אויב ניט פון א וועלט־קריג, איז פון א קריג צווישן דייטשלאַנד און ראַטנלאַנד. אין איינינע אמעריקאַנער צייטונגען פון דער ווייטער „וועסט" איז שוין ארויסגעזאָגט געוואָרן די נביאות, אַז אָט דער קריג שטייט איצטער אויף דער שוועל, און עס איז נאָר א פראַגע פון עטליכע חדשים, ווען ער וועט אויסברעכן.

מילא, פון נביאות האַלטן מיר ניט, אפילו ווען זי וואָלט ארויסגעזאָגט געוואָרן אין די חשוב'סטע צייטונגען פון דער „איסט".

אָבער די געפאַר פון א דייטשלאַנד־ראַטנלענדערשן קריג הענגט זיכער אין דער לופטן, א דאַנק דער נייער שטעלונג פון דער ענגלישער פּאָליטיק. אָפיציעל הייסט עס נאָר, אַז ענגלאַנד שטרעבט צו באַניען דעם לאָקאַרנאָ־אָפּמאַך, וועלכן דייטשלאַנד האָט געבראָכן. די פיר גרויס־מאַכטן פון צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע, — ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע, — זאָלן נעמען אויף זיך דעם נדר, ניט צו פאַרגיסן קיין איין טראָפּן מענשליך בלוט אין דעם משך פון צען יאָר. אָבער עס ווערט געלאָזן אָפן די פראַגע, צי דאָ האָט מען אין זינען מענשליך בלוט בכלל, אָדער נאָר יענעם מעטשלעך בלוט, וואָס פולסירט צווישן דער דייטשער מזרח־גרעניץ און דעם ענד פון מערב־אייראָפּע.

גראַד אָט די אָפענע טיר איז אַן איינלאַדונג פאַר דער אויבנדערמאָנטער סכנה. ענגלאַנד וויל פאַרזיכערן דעם פרידן אין

צענטראל־ און מערב־איראָפּע און אין דעם מיטללענדישן ים. דער דאָזיגער פרידן דאַרף אויסגעקויפט ווערן, ווי א משכן, וואָס ליגט אין היטלער'ס און מוסאָליני'ס הענט. מיט מוסאָליני'ן אליין וואָלט מען באמת געקאָנט קומען צו א וועלכן עס איז פרידליכן אויסגלייך, וואָס זאָל ניט אַנטהאַלטן אין זיך די מעגליכקייט פון א קריג אין מזרח. אָבער וואָס איז מיט מוסאָליני'ס שותף, מיט היטלער'ן?

פאַר די לעצטע פאַר יאָר האָט היטלער אין די צוויי פון זיינע וויכטיגסטע פּאָליטישע רעדעס געמאַכט צוויי אָנבאָטן, — ביידע אויף דעם קלאָרן אדרעס פון ענלאַנד און פראַנקרייך. דער איצטיגער האַר איבער דעם פרידן פון דער וועלט גיט זיי א ברירה. אין דער ערשטער רעדע האָט ער, פאַרלאַנגט מען זאָל אים לאָזן נעמען אוקראַינע, וועט ער לאָזן צורו די וועלט. האָבן פראַנקרייך און ענגלאַנד — אונטער אידען'ען, — געזאָגט: לאָ מיט אַן אלף. מאַכט ער איצטער דעם אַנדערן אָנבאָט: אויב ניט אוקראַינע, איז — גיט צוריק די דייטשע קאָלאָניעס!

אייגנטליך, וויל היטלער עד היום א היפש ביסל זאַכן: אי די קאָלאָניעס, אי שטיקער ראַטנלאַנד, אי עסטרייך, אי די דייטשע פּראָווינצן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אי נאָך עפּעס אויף צו פאַרבייסן. אָבער דערווייל איז ער מרוצה צו באַנוגענען זיך מיט איינס פון דאָס ביידע: אָדער קאָלאָניעס, אָדער עקספּאַנסיע אין מזרח. אויף וועלכן איינס פון די ביידע קאָן די קאָנסערוואַטיווע ענגלאַנד, אונטער טשעמבערליינ'ס פירונג, זיין גרייט איינצוגיין?

אומצוקערן די קאָלאָניעס וועט אָפּשוואַכן די ענגלישע אימפּעריע, לאָזן דייטשלאַנד שלינגען שטיקער ראַטנלאַנד, וועט אָפּשוואַכן דעם „הערעדיטערן שונא" ענגלאַנד'ס, רוסלאַנד. עס איז קלאָר, אויף וועלכער זייט עס מוז זיך נייגן די שאָל פון דער וואָג

אין טשעמבערליינ׳ס פּאָליטישע חשבונות.

ס׳איז אמת, אז פראנקרייכ׳ס חשבונות זיינען גאנץ אנדע־רע. שאָטאַן האָט שוין דערקלערט אין דעם נאָמען פון פראנקרייך, אז זי וויל בשום אופן ניט אָפּלאָזן איר ״בונד ניט מיט ראטנלאנד, ניט מיט טשעכאָסלאָוואקיע. אָבער די ״אינוועניגסטע לאגע אין פראנקרייך גופא איז אַן אומזיכערע. ביי קיין פאָלק שטעקט ניט אזוי אין די ביינער די לײדנשאפט פאר פרידן, ווי ביי דעם פראנ־צויזישן. פאראיבל האָבן אויף אים דערפאר טאָר מען ניט. אָבער רעכענען זיך דערמיט מוז מען.

אויב טשעמבערלײנ׳ען זאָל זיך אין זיין פערד־האנדל מיט היטלער׳ן ״איינגעבן, אויסצוקויפן די קאָלאָניעס פאר א „פרייער האנט אין מזרח" און פאר דער אומאָפּהענגיקייט פון טשעכאָ־סלאָוואקיע און עסטרייך, ״און אויב ער זאָל מיט אָט דעם פאָר־שלאָג קומען צו פראנקרייך מיט דעם אולטימאטום: „נעם אָן, אָדער גיי געזונטערהייט אליין", איז דעמאָלט זיכער דאָ די געפאר, אז די עפנטליכע מיינונג פון דער באפעלקערונג וועט אראָפּוואַרפן די איצטיגע ראטלאנד־פריינדליכע רעגירונג ״און אוועקשטעלן אויף דער שפּיץ אזא רעגירונג, וואָס וועט דעם פאָרשלאָג אָננעמען, אויב ער וועט נאָך זיין פארשלייערט מיט א פּאָר גאָרנישט־זאָגנ־דיגע פראזן וועגן די אינטערעסן פון דעם אלגעמיינעם פרידן איבער גאָר דער וועלט.

דעמאָלט וועט דער דייטש־רוסישער קריג באמת שטיין אויף דער שוועל פון אַן ״אָפענער טיר.

וואָס דאַרף זיין אונזער שטעלונג ״אין דער געשאַפענער לאגע? און מיט „אונזער" מיין איך קודם־כל אונזער שטעלונג, ״ווי אידן. וועלן מיר ווידער ווערן „פּראָ־דזשוירמען" ווי אמאָל־אמאָל, אין דעם וועלט־קריג?

אפילו נאָר א טראַכט טאָן צו טאָן עפּעס אזוינס איז ״אין פלוג

די ריינסטע משוגעת. „פראָ־דזשווירמען“? „פראָ־היטלער“? אָבער — ציט־אויף: אין אונזער משוגענער צייט איז קיין משוגעת נישט אויסגעשלאָסן. הערט זיך צו צו די שטימען פון אונזער פרעסע וועגן ראַטנלאַנד. האָט אונזער פרעסע שוין אין תוך נישט דער־קלערט דעם קריג דעם גאַנצן ראַטנלאַנד מחמת דעם סטאַלינים־טישן רעזשים? איז נישט סטאַלין אַנשטאַט היטלער'ן דער־קלערט געוואָרן „דער שונא פון דער מענשהייט, נומער איינס?“ עס איז נישט ווייט דערפון דער צאָהנדיגער איינשטעל: „אַ מצוה אויף אים“!

און ווען שוין אַ ביסל איינגעצוימט אונזער צאָרן, קאָן אונ־זער שטעלונג ווערן אַזאַ: „מיר זיינען קעגן יעדן אַגרעסיוון קריג. אָבער סוף כל סוף איז דאָך דאָס אַ קריג פון איין דיקטאַטאָר אַנט־קעגן דעם אַנדערן. וואָס זאָלן מיר זיך רייסן דעם פעלץ פאַר דעם טריאומף פון דעם אָדער יענעם דעספּאָט? איז דען נישט סטאַלין די־זעלביגע זאַך וואָס היטלער?“ און פאַר די קאַפּיטאַליסטישע עלע־מענטן איז דאָך שוין לאַנג בדוק ומנוסה, אַז אידער סטאַלין, איז שוין גלייכער — און נאָך אַי, ווי גלייכער! — טאַקי אַ היטלער.

אַזאַ איינשטעל וואָלט פון אונזער אידישער זייט געווען די גרעסטע משוגעת, דער גרעסטער פאַרראַט פון אונזערע פאָלקס־אינטערעסן. אָבער אונזער פרעסע מיעט זיך, אין איר פאַנאַטישער פאַרבלענדעניש, צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אים.

איז גראָד איצט די צייט צו וואָרענען:

— די וועלט־פּאָליטיק ווערט אַלץ מער און מער געטריבן צו דער אַלטערנאַטיווע: היטלער אָדער סטאַלין. קיין אַנדער אויסוועג זעט זיך נישט. נייטראַל לעבן אין אָט דעם וועלט־היס־טאָרישן קאָנפליקט קענען מיר נישט. אויב מיר האָבן די אינטע־רעסן פון אונזער פאָלק אין אויג, מוזן מיר איצטער זיין נישט נאָר אַנטי־היטלער, נאָר אויך פּראָ־סטאַלין.

פאַרגעסן מיר ניט: דער קריג אַנטקעגן ראַטנלאַנד וועט מסתמא געפירט ווערן פון דער שיינער חברותא: היטלער'ס דייטשלאַנד, רידז־סמיגלי'ס פּוילן, קעניג קאַראָל'ס רומעניע. און ווי אַ צוגאָב פון דער אַנדער זייט — די איבער־הומאַנע יאַפּאַן. און אַנטקעגן וועלכן לאַנד וועט פירן קריג אָט די זייער חשוב'ע חברותא? — אַנטקעגן אַ לאַנד וואו דער אַנטיסעמיטיזם איז אָפיציעל פאַרווערט, וואו אונזער פאָלק האָט ניט נאָר די גלייכע בירגערליכע און פּאָליטישע, נאָר אויך די גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט, וואו עס ווערט אויסגעטיילט אַ גרויסע טעריטאָריע פאַר אַ זעלבסטשטענדיגער אידישער רעפּובליק און וואו די רעגירונג וועגדעט־אָן אַלע אירע מיטלען, די אידישע רעפּובליק זאָל זיך אויסבויען וואָס גיכער.

מען קאָן דאָך באמת ניט באַשולדיגן די ראַטן־רעגירונג, וואָס מיר, אידן, פאַרהויקערט פון דער אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע, נוצן ניט אויס מיט אונזער אייגענער גאַנצער קראַפט יענע מאָס פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וואָס דער באָלשעוויסטישער רעזשים לאָזט צו, אַלץ איינס, ווער עס זאָל ניט שטיין אויף זיין שפּיץ, — אַ לענין, אַ סטאַלין אָדער אַן אַנדערער. און אויך דאָ טאָרן מיר ניט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז די אויסבילדונג פון דער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג סאַי פאַר אונז, אידן; סאַי פאַר אַלע פעלקער פון דעם לאַנד, דאַרף מען פאַרדאַנקען אין דער ערשטער און דער וויכטיגסטער ליניע טאַקי סטאַלינ'ען.

ווי קאָנען מיר, אידן, זיך אַוועקשטעלן אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז היטלער און סטאַלין זיינען היינו־הך? ווען מען זאָל פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק אַוועקשטעלן אָט די צוויי היסטאָרישע פיגורן, היטלער'ן און סטאַלני'ען (צוליב אומפּאַרטייאישקייט לאָז איך אַרויס דעם באַרעכטיגטן „להבדיל"); ווען איטליך

אידיש קינד זאָל זיך ווענדן צו זיי מיט דער פראַגע: „הלנו אתה, או לצרינו?“ ביסטו אונזער פריינט, אָדער אונזער פיינט? — וועלכן ענטפער מוז איטליך אידיש קינד געבן אויף דער פראַגע אין דעם נאָמען פון דעם איינעם און פון דעם אנדערן?

מיר מעגן האָבן אונזערע טענות און תרעומות צו סטאַלי־נ׳ען, דיקטירט פון יעדן איינעמ׳ס פּאָליטישן איינשטעל, סאָציאַלן איינשטעל; דיקטירט פון יעדן איינעמ׳ס בליק אויף די פּאָדע־רונגען פון דער אַלגעמיין־מענשליכער מאָראַל אין אַ פּעריאָד פון איינער פון די גרעסטע רעוואָלוציעס אין דער וועלט; אָבער ווען אַ אידיש קינד וועט קודם־כל האָבן אין זינען די אינטערעסן פון זיין פאָלק, וועט ער אויף דער פראַלע: „הלנו אתה או לצרינו“, מוזן בנוגע סטאַלינ׳ען ענטפערן: „לנו אתה“, דו גע־הערסט צו די פריינד פון אונזער פאָלק, און עס איז אונזער חוב צו העלפן דיר אין דיין קאַמף מיט יענע שונאים אונזערע, וואָס זיינען אויך דיינע שונאים.

און דיזעלבע פראַגע, „הלנו אתה או לצרינו“, מעג אַ אי־דיש קינד איצטער שטעלן אויך דער אידישער פרעסע און דער אידישער עפנטליכקייט. עס איז באמת געקומען די צייט, ווען זי מוז זיך געבן אַ אידישן חשבון הפנש: צי האָט זי אַ רעכט צוצו־גרייטן דעם באָדן, — און לאָז דאָס זיין נאָר אין אידישע מוחות און הערצער, — פאַר דעם טריאומף פון היטלער׳ן איבער סטאַלינ׳ען...

# קיין בעסערער ענטפער אויף דער אידישער פראַגע קאָן גאָרניט געמאָלט זיין

(צום צען־יאָריגן יובילײ פון בירא־בידזשאַן)

דער צען־יאָריגער יובילײ פון בירא־בידזשאַן איז זיכער א וויכטיגע היסטאָרישע דאַטע אין דער מאָדערנער געשיכטע פון אונזער אידישן פאָלק.

דער אויסבוי פון א אידישער אויטאָנאָמער געגנט אין ראַטן־לאַנד, מיט דער אויסזיכט אויף אן אייגענער אידישער רעפובליק אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז א מוסטער, ווי אזוי די אידישע פראַגע דאַרף פאַרענטפערט ווערן אין א ל ע לענדער מיט א גרעסערער אידישער באַפעלקערונג:

א קאָנצענטרירטער אידישער ישוב, אויף אויטאָנאָמע יסודות אין דער פאַרוואַלטונג, אויף אַרבעטערישע יסודות אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, אויף די יסודות פון דער אייגענער שפּראַך אין דער קולטור; א ישוב, וואָס באַשטייט פון אייגענע אידישע דערפער, אייגענע אידישע ש ט ע ט, — אן אייגענע אגראַר־ווירטשאַפט און אן אייגענע אינדוסטריע. א ישוב, וואו די אידישע שפּראַך איז די אָ פ י צ י ע ל ע פאַר דער גאַנצער געגנט; א ישוב, וואָס פאַרגוואַלטיגט ניט קולטורעל און שפּראַכליך די אַנדערע ניט־אידישע שפּראַך־גרופּן, נאָר גיט זיי אַלע מעגליכקייטן פאַר זייער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, — קאָן דען געמאָלט זיין א בעסערער ענטפער אויף דער אידישער פראַגע אין אונזערע וואוין־ערטער איבער ג אַ ר דער וועלט?

אָט א ז א ענטפער איז די בעסטע פאַרזיכערונג אַנטקעגן א נ ט י ס ע מ י ט י ז ם, אַנטקעגן א ס י מ י ל א צ י ע. ער איז דער מעגליך גינסטיגסטער פאַרבאַדינג פאַר

אונזער נאַציאָנאַלן קיום און פאַר אונזער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

אָט פאַר וואָס אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט דאַרפן זיין פאַראינטערעסירט, אַז דער אויסבוי פון דעם אידישן בירא־בידזשאַן זאָל אָנגיין וואָס שנעלער און וואָס דערפאָלגרייכער. זאָל ער שוין אין די נעקסטע פינף־צען יאָר ווערן דער אמת׳ער „נס לגוים“, דער אמת׳ער מוסטער פאַר אַלע פעלקער און לענדער מיט אַ אידישער מאַסן־באַפעלקערונג, ווי אַזוי אויף אַ מ ע נ ש ־ ל י כ ן און פעלקער־פאַרברידערנדיגן אופן אָפּצאָלן דעם אידישן פאָלק דעם ח ו ב פ ו ן ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט פאַר אַלע ליידן, וואָס מיר זיינען אין אַ משך פון דורות אויסגעשטאַנען, — און שטייען נאָך אויס, — פון זיי.

(געדרוקט אין אַפּריל נומער „ניילעבן“)